**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון ערשטע פאזע פון עדיראַנדעק רעלסן טרעיל**

***דערגרייכונג פון ערשטע פאזע איז ערשטע פון דריי פאזעס צו פארבינדן לעיק פלעסיד צו טאָפּער לעיק***

***ערשט-קלאסיגע פארוויילונג טרעיל אין הארץ פון די עדיראַנדעקס יעצט אפן פאר ווינטער פארוויילונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון קאנסטרוקציע איוף די ערשטע פאזע פון די 'עדיראַנדעק רעלסן טרעיל" (Adirondack Rail Trail), א 34-מייל-לאנגע וועג פאר פארוויילונג פון פאר דרויסנדיגע אוואנטורער – פיסגייער, ביציקליסטן און אנדערע – צווישן טאָפּער לעיק און לעיק פלעסיד. די ערשטע פון די דריי קאנסטרוקציע פאזעס האט איבערגעמאכט די געוועזענע באדן פון די רעלסן לענגאויס לעיק פלעסיד-סערענעק לעיק טייל פון די וועג עס צו מאכן פאר אן ערשט-קלאסיגע אויסגעפלאסטערטע וועג וואס איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט זיין אפן א גאנץ יאר פריי פון אפצאל, פאר מענטשן וועלכע גייען הייקינג אדער סקיען צווישן קאונטי גרעניצן, ביציקליסטן און סנאָומאָביל ליבהאבער.

"די עדיראַנדעקס האבן טייל פון די הערליכסטע נאטורליכע לאנדשאפטן און נאטור אוצרות אין די וועלט לענגאויס פאנאראמישע קאמיוניטיס וואס זענען גרייט צו ענטפאנגען באזיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היינטיגע דערגרייכונג איז א טריט אין די ריכטונג פון פארווירקליכן דעם חזון פון די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל, און איך קוק ארויס צו זעהן דעם פראיעקט'ס אנגייענדע פארשריט וואס וועט ברענגען גאנץ-יאריגע הנאה פאר רעלסן טרעיל באניצער און פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס."

ווען אלע דריי פאזעס פון קאנסטרוקציע וועלן זיין פארענדיגט, וועט די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל פארבינדן די קאמיוניטיס פון לעיק פלעסיד, סערענעק לעיק און טאָפּער לעיק. די וועג וועט גיבן פאר באזיכער די געלעגנהייט צו געניסן פון די אייגנארטיגע חן און די איינריכטונגען פון יעדע קאמיוניטי בשעת'ן גיבן צוטריט צו מיילן פון אטעם-פארכאפנדע טרעילס, פילע קעמפּינג פלעצער און פילע וואסער שטרוימען אין די וואלד פרעזערוו לענדער נעבן די אויסגעפלאסטערטע וועג. לענגאויס די טרעיל וועלן ערקלערנדע שילדן העלפן באזיכער צו לערנען איבער די היסטאריע פון די רעלסן, די קולטורן פון די דערנעבנדע קאמיוניטיס און איבער ארומיגע לענדער און וואסערן.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) און די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) האבן געשאנקען פאר .Kubricky Construction Corp פון ווילטאן, סאראטאגע קאונטי, די 7.9 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט פאר די ערשטע פאזע פון קאנסטרוקציע. די קאנטראקט ווערט פינאנצירט דורך NY Works, מיט נאך $225,000 צוגעשטעלט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund) פאר קאנסטרוקציע אויפזיכט און אינספעקציעס. די ערשטע פאזע

פון קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף Station Street אין לעיק פּלעסיד, עטוואס מערב צו פון די לעיק פלעסיד דיפּאָו (סטאנציע), און עס וועט זיך ענדיגן עטוואס נאך די סערענעק לעיק דיפּאָו נעבן די אינטערסעקשען פון Cedar Street און רוט 86, פאר א סך הכל פון 9.9 מייל. אין אקטאבער, האט די DEC אנאנסירט אן איינלאדענונג צו אריינגעבן אינפארמאציע (Request for Information, RFI) פארבעטנדיג קערפערשאפטן צו אריינגעבן געדאנקען און פלענער פאר די באנוץ און עפנטליכע צוטריט צו די היסטארישע סערענעק לעיק דיפּאָו געביידע אויף די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל אין די ווילעדזש אָוו סערענעק לעיק. די DEC קוקט יעצט איבער די אריינגעגעבענע אנטווארטן בעפארן ארויסקומען מיט אן אפיציעלע איינלאדענונג פאר פארשלאגן. די RFI האט זיך פארמאכט פאר די פובליקום צו אריינגעבן אנטווארטן אום נאוועמבער 3, 2023.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל איז שוין טיף אונטערוואָרצלט צו ווערן א הויפט דעסטינאציע אין די עדיראַנדעקס, פארבינדנדיג ניו יארקער צו די נאטור און באזיכער צו די ראיאן'ס ברייטע רייע פון געלעגנהייטן פאר פארוויילונג דורכאויס מערערע סעזאנען. די היינטיגע דערגרייכונג צייכנט אפ די פארענדיגונג פון די ערשטע פאזע פון די רעלסן טרעיל'ס קאנסטרוקציע און א געלעגנהייט צו אנערקענען און פייערן די אנגייענדע באמיאונגען פון די סטעיט, פעדעראלע, רויטע אינדיאנער און לאקאלע שותפים ארבעטנדיג צוזאמען צו פאראויס שטופן די ראיאנישע אוצר פון א קאנצעפּט צו א רעאליטעט."

**אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "די OGS מאנשאפט איז שטאלץ צו האבן געארבעט בשותפות מיט די DEC און DOT צו ערפילן גאווערנער האקול'ס צוזאג צו שאפן א פארוויילונג רעלסן טרעיל וואס וועט ערלויבן איינוואוינער און באזיכער צו באקומען די איבערלעבעניש פון די פאנאראמישע עדיראַנדעקס און אירע לאקאלע קאמיוניטיס גרינגערהייט. אזוי ווי מיר פייערן היינט די פארענדיגונג פון די טרעיל'ס ערשטע פאזע, שטייען מיר אויך פארפליכטעט צו פולשטענדיג פארווירקליכן די גאווערנער'ס חזון פאר אן ערשט-קלאסיגע, גאנץ-יאריגע, צוגענגליכע טרעיל פאר מערערע סארטן באנוץ וואס פארבינדט לעיק פּלעסיד צו טאָפּער לעיק."

**סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט איז שטאלץ מיט די ראלע וואס מיר האבן געשפילט אין די אנהויבנדע פאזעס פון קאנסטרוקציע אויף די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל, וואוקנעמנדיג די אלטע רעלסן און אוועקלייגנדיג די יסוד פאר א נייע קאפיטל פון פארוויילונג אין די עדיראַנדעק פארק. די טרעיל פאר מערערע סארטן באנוץ וועט ערלויבן איינוואוינער און טוריסטן צוגלייך צו געניסן פון די נאטורליכע שיינקייט און מאיאסטעטישקייט פון די עדיראַנדעקס א גאנץ יאר אויף אן אנהאלטנדע וועג. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, און אונזערע שותפים ביי די DEC און OGS, פארן שטיצן דעם פראיעקט פון די אנהויב און פאר די ארבעט וואס איז אריינגעגאנגען צו מאכן די ערשטע פאזע פון די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל פאר א רעאליטעט."

צו באשיצן פובליק זיכערהייט, איז צוטריט צו די לעיק פלעסיד-סערענעק לעיק טייל אפגעשלאסן געווארן דורכאויס אקטיווע קאנסטרוקציע. די פובליקום איז יעצט ערלויבט אריין אין די חלק פון די וועג; צוטריט פאר סנאָומאָבילס אריבער די גאנצע 34-מייל-לאנגע עדיראַנדעק רעלסן טרעיל הויבט זיך אן פון דעצעמבער 10, 2023.

די ערשטע פאזע פון קאנסטרוקציע האט אויך אריינגערעכנט ארבעט אויף אויסגעברייטערטע פארקינג אפציעס אין טאָפּער לעיק און דאס אוועקנעמען נאך רעלסן פון ארום די סערענעק לעיק דיפּאָו.
קאנסטרוקציע אויף די צווייטע פאזע פון די טרעיל, אריינרעכענענדיג די סערנעק לעיק-פלאַדוואוד חלק, האט זיך אנגעהויבן אין 2023, און עס וועט אפגעשטעלט ווערן פאר די ווינטער. די פאזע איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן סוף פון 2024. די לעצטע פאזע פון קאנסטרוקציע פון פלאַדוואוד ביז טאָפּער לעיק

איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן אין 2024, זיך אפשטעלן פאר די ווינטער און זיך ענדיגן אין 2025. די סערענעק לעיק-טאָפּער לעיק טיילן פון די טרעיל זענען אפן געווען פאר צייטווייליגע פארוויילונג דורכאויס די ערשטע פאזע פון קאנסטרוקציע. די OGS וועט פארזעצן צו אויפזעהן איבער די דעזיין און קאנסטרוקציע פון די טרעיל דורכאויס אלע דריי פאזעס.

דער פראיעקט איז טייל פון די DEC'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען דורך די Adventure NY (אוואנטור ניו יארק) אינציאטיוו צו פארבעסערן פובליק צוטריט צו סטעיט שטחים און איינריכטונגען און פארבינדן מענטשן מיט נאטור און מיט די דרויסנדידגע לענדער. די טרעיל איז דעזיינט צו זיין צוגענגליך אויך פאר מענטשן מיט סיי וועלכע דיסאביליטיס צו די מאקסימום וואס איז נאר מעגליך. די מערהייט פון די טרעיל איבערפלאך וועט באשטיין פון צוזאמגעקוועטשטע צובראכענע שטיינער. די טרעיל וועט אויסגעפלאסטערט ווערן מיט צעמענט אין די ווילעדזש אָוו סערענעק לעיק און אויף קליינע טיילן פון די טרעיל וועלכע גייען אריבער בריקן.

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "פארענדיגונג פון די ערשטע פאזע פון די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל איז פריידיגע נייעס פאר אונזער ראיאן. אינוועסטירונגען און פארבעסערונגען פון די סארט זענען קריטיש צו העלפן אונזער ראיאן פארזעצן זיך צו אויפבויען. איינמאל אלע דריי פאזעס וועלן זיין פארענדיגט, וועט די טרעיל זיין א קריטישע חלק פון די נארט קאנטרי עקאנאמיע, און עס וועט גיבן נאך אן אייגנארטיגע דרויסנדיגע פארוויילונג אקטיוויטעט פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך."

**אסעמבלי מיטגליד בילי דזשאָנס האט געזאגט,** "גארנישט איז נישט בעסער פון דרויסנדיגע פארוויילונג אין די עדיראַנדעקס, און איך וויל באדאנקען יעדן איינעם וואס איז געווען פארמישט אין די ערשטע פאזע פון די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל. די טרעיל וועט גיבן פאר לאקאלע און באזיכער צוגלייך נאך א וועג צו געניסן פון די הערליכע פאנאראמעס און לאנדשאפטן וואס אונזער ראיאן האט צו אפפערן."

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל זאגט עדות איבער ניו יארק'ס פארפליכטונג צו ארויסווייזן וויאזוי מיר קענען היטן אויף די אומבארירטע כאראקטער פון אונזער נאטורליכע ענווייראמענטאלע אוצרות בשעת'ן אויפבויען זייער קאפאציטעט צו דינען אלס ערשט-קלאסיגע דרויסנדיגע פארוויילונג אוצרות. מיט שטאפל 1 יעצט פארענדיגט, איז די רעאליטעט פון דעם חזון ווערנדיג פארווירקליכט א סיבה פאר אן אמת'ע פייערונג. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און DEC קאמישאנער בעזיל סעגאָס פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר דעם פראיעקט און איך בייג מיין היטל פאר די מענער און פרויען וואס האבן געהאט א האנט אין די פיזישע קאנסטרוקציע פון דעם געוואלדיגן פראיעקט."

די ארבעט צו טראנספארמירן די טרעיל האט זיך אנגעהויבן אין אקטאבער 2020 ווען די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) האט געארבעט צו צונעמען די גאנצע רעלסן אינפראסטרוקטור פון די טאָפּער לעיק ביז לעיק פּלעסיד טיילן פון די וועג. אין מערץ פון 2022 האבן די DEC און DOT אנאנסירט די אריבערפירונג פון יוריסדיקציע צו די DEC, באצייכענענדיג די פארמאלע פארענדיגונג פון די שטאפל פונעם צונעמען די רעלסן און די אנהויב פון די פארמאלע טרעיל דעזיין און קאנסטרוקציע שטאפל. מיט דאס אריבערפירונג פון די אויטאריטעט אויפן פלאץ, האט די DEC גענומען אויף זיך די פארוואלטונג פון פובליק זיכערהייט און פארוויילונג אקטיוויטעטן, און אזוי אויך אויפהאלטונג, לענגאויס די טייל פון די וועג.

איינמאל קאנסטרוקציע וועט זיין פארענדיגט וועט די DEC אננעמען די טאג-טעגליכע פארוואלטונג פון די טרעיל, ארבעטנדיג פון די נאענט מיט פארמישטע פארטייען און לאקאלע רעגירונגען. די לעצטע אינפארמאציע איבער די אומשטענדן אויפן וועג, שטאפלען פון קאנסטרוקציע, אנווייזונגען פאר די פארוויילונג דערווייל און א מאפע פון פובליק באנוץ זענען פארעפנטליכט אויף די [DEC'ס רעמסען-לעיק](

פלעסיד וועג וועבזייטל. נאך איינצלהייטן איבער די 2020 רעמסען-לעיק פלעסיד וועג יוניט פארוואלטונג פלאן אמענדמענט/צוגעלייגטע ענווייראמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט זענען אויך פארעפנטליכט אויף די DEC's וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן